ירושלים, דעם 12טן אָקטאָבער 1994

טײַערער דוד,

כ׳זע אַז דו ביסט געוואָרן גוט אין כעס אויפֿן "אי-מעיל", און כ׳זע טאַקע אַ פּראָבלעם אין דײַן אַפּאַראַט, ווײַל ווען עס קומט אָן צו מיר קומט עס אָן מיט אַ שיעור צושריפֿטן אין דעם אַדרעס. נו, וועט מען זיך שוין דורכשרײַבן ווי עס דאַרף צו זײַן. דאָס וועט אויך זײַן פֿאַר מיר אַ גוטע געלעגנהייט צו באַנײַען מײַן ייִדיש-פּראָגראַם מיט אַלע אירע צרות. ווײַנרײַך, ער זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן-עדן, האָט אונדז טאַקע אָנגעטאָן אַ גוטע צרה מיט די דיאַקריטישע סימנים וואָס באַשווערן יעדע דרוקאַרבעט.

איז קודם-כּל אַ דאַנק פֿאַרן פּעקל מאַטעריאַלן וואָס איז ערשט איצט אָנגעקומען - צווישן די זאַכן איז אויך דאָ אײַערער אַ דאָקומענט וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן בטעות, און דערפֿאַר האָב איך טאַקע באַשלאָסן צו שיקן אַ בריוו. נאָך גאָרנישט באַוויזן צו לייענען, אָבער דאָס בוך פֿון ווירט-נשר מאַכט אויפֿן ערשטן קוק זייער אַ גוטן אײַנדרוק, אויף אַזוי פֿיל אַז עס ווילט זיך מיר שרײַבן אַ רעצענזיע (לעצטנס האָב איך געשריבן אַ קורצע רעצענזיע וועגן מירונס איבערזעצונג פֿון **ווען יאַש איז געפֿאָרן** , און איך קלײַב זיך צו שרײַבן אַ רעצענזיע וועגן שמעון מאַרקישעס אַ בוך וואָס איך איצט אַרויס אויף העברעיִש וועגן דער רוסיש-ייִדישער ליטעראַטור. דאָס איז אויף באַשטעלונג פֿון **הארץ** , פֿון זייער בײַלאַגע פֿאַר נײַע ביכער וואָס גייט אַרויס איין מאָל אַ וואָך. דאָס גיט מיר אויך אַ געלעגנהייט צו לייענען זאַכן וואָס כ׳שעם זיך צו זאָגן אַז כ׳האָב זיי קיין מאָל נישט געלייענט). נאָר ווי געזאָגט, כ׳דאַרף עס נאָך לייענען.

כ׳שיק דיר אויך דעם לערנפּלאַן פֿון מײַנע קורסן אין תּל-אָבֿיבֿ, נישט נאָר זיך אויסצופֿײַנען ווי גוט די זאַכן קומען אַרויס מיט דער נײַער פּראָגראַם, נאָר אויך מיטן ציל צו הערן דײַנע באַמערקונגען וואָס שייך אָפּקלײַב, און - אין דעם "מבוא" - וואָס שייך די רעלאַטיווע וואָג פֿון יעדער טעמע. וואָס שייך "מבוא" האָב איך אַן אַנדער בקשה, כאָטש איך וויל דיר נישט באַמיִען ספּעציעל צוליב דעם:

אין אַזאַ קורס (וואָס איז פֿאַר סטודענטן פֿון ערשטן יאָר ב.א.) האָב איך שטענדיק אַ גרויסע פּראָבלעם מיט ביבליאָגראַפֿיע: ייִדיש איז דאָך אויסגעשלאָסן, ענגליש - קוים מיט צרות (ד"ה אָפֿיציעל קען מען געבן וואָס מע וויל, אָבער איך וויל זיך רעכענען מיט דעם וואָס זיי וועלן באמת לייענען), און אויף העברעיִש זענען קיין גוטע סינטעטישע זאַכן כּמעט ווי נישט פֿאַראַן. איז אפֿשר קענסטו זיך סתּם דערמאָנען אויף אַ פּאָר גוטע סינטעטישע און "לײַכטע" אַרטיקלען אויף ענגליש וואָס קומען אין באַטראַכט וואָס שייך די רעלעוואַנטע טעמעס? אָבער לייג אין דעם נישט אַרײַן קיין סך אַרבעט, סתּם וואָס דו דערמאָנסט זיך.

און דאָס ברענגט מיר צום ענין פֿון דײַן לערנען אין תּל-אָבֿיבֿ, וואָס איך וויל אויסקלאָרן איידער איך טרעף זיך מיט אַניטאַ שאַפּיראָ:

1: וויפֿל שעהען ביסטו גרייט צו לערנען? איך וואָלט געוואָלט - זעקס: ד"ה איין קורס צוויי מאָל אַ וואָך (דער קורס וועגן ייִדישער דערציילונג, מסתּמא) און איין קורס איין מאָל אַ וואָך (וואָס דאָס וואָלט געקענט זײַן אָדער באַשעוויס, אָדער די ליטעראַטור פֿון די געטאָס).

2: בײַם באַשטימען וועלכן קורס דו ווילסט געבן דאַרפֿסטו נעמען אין באַטראַכט אַז אַלע מאַטעריאַלן דאַרפֿן זײַן אין העברעיִשער איבערזעצונג. דאַכט זיך אַז דאָס איז נישט קיין באַזונדערע פּראָבלעם פֿאַר קיין איינעם פֿון די קורסן (כאָטש געוויסע טעקסטן וועסטו דאַרפֿן אויסשליסן), אָבער מיט באַשעוויסן איז עס אפֿשר לײַכטער. קיין גרויסן אונטערשייד זע אין

נישט אין דעם פּרט. קענסט זיך דאָך אויך באַניצן (נישט אין קיין גרויסער מאָס) מיט ענגלישע איבערזעצונגען, כאָטש דער ענגליש פֿון די סטודענטן איז אַ ביסל שוואַכלעך.

3: די אָפּטיילונג פֿון העברעיִשער ליטעראַטור איז זייער אַ גרויסע: קנאַפּע פֿיר הונדערט סטודענטן. קיין תּלמידים וועלן נישט פֿעלן, כאָטש ס׳איז שווער צו זאָגן וויפֿל וועלן קומען. ס׳קען זײַן – צווישן צען און דרײַסיק (די קורסן זענען אָפֿן פֿאַר אַלע סטודענטן פֿון דעם אָפּטייל, און נישט נאָר פֿאַר די עטלעכע יחידי-סגולה וואָס באַטייליקן זיך אין דער ייִדיש-פּראָגראַם). און דאָך איז כּדאַי צו טראַכטן צי כ׳זאָל נישט אָנפֿרעגן בײַ חנה ווירט נשר, אויב דו באַשטייסט אויפֿן קורס וועגן באַשעוויסן, ער זאָל זײַן דערמאָנט אויך אין דעם אָפּטייל פֿון ענגלישער ליטעראַטור.

״פּראָס״ און ״קאָנס״: ערשטנס איז דער ענין נישט קריטיש, סטודענטן וועלן סײַ ווי זײַן. צווייטנס, קען חנה ווירט זאָגן אַז אין ענגליש-אָפּטייל לערנט מען נאָר אויף ענגליש. דריטנס האָב איך געהערט אַז זי האָט אַ שטיקל פּאַראַיבל (וויפֿל איז דאָס ״שטיקל״ ווייס איך נישט), אַז בשעתו האָט מען מיט איר גערעדט וועגן דער פּראָגראַם, זי איז געווען זייער פּאָזיטיוו, און שפּעטער איז נישט אַרײַן ״בסוד העניִנים״. ווי עס זאָל נישט זײַן, דאַכט זיך אַז בעסער איז דו זאָלסט זיך ווענדן צו איר, ווײַל איך קען זי קוים-קוים (זיך באַקאַנט מיט איר נאָר אין באָסטאָן אויף דער איי-דזשיי-עס קאָנפֿערענץ. ווי דו זעסט איז איינע פֿון די פּראָבלעמען פֿון דער פּראָגראַם אַז ס׳איז קאָמפּליצירט אַרײַנצופֿירן ענגלישע אותיות).

4: כ׳קען אויך בעטן (כ׳ווייס נישט, פֿאַרשטייט זיך, צי כ׳וועל אויספֿירן), אַז דעם קורס וועגן דער געטאָ-ליטעראַטור זאָל מען דערמאָנען פֿאַר די סטודענטן פֿון ייִדישער געשיכטע.

הכּלל, האָסט געגוג אויף וואָס צו ענטפֿערן, און מסתּמא זענען נאָך דאָ עטלעכע קלייניקייטן וואָס כ׳האָב נישט דערמאָנט. כ׳טרעף זיך מיט אַניטאַן דעם 9טן דעצעמבער (כ׳גיי איצט אַוועק אויף דרײַ וואָכן מילואים), און ס׳וואָלט גוט געווען ווען כ׳האָב דײַן ענטפֿער ביז דעמאָלט.

נאָך ענינים: כ׳האָב זיך בײַ דיר אָנגעפֿרעגט מכּוח אונדזער ייִדיש-לערער מיכאל באָרדין, וואָס כ׳וויל אים זייער העלפֿן ער זאָל אַרויספֿאָרן אויף אַ יאָר זיך אויסלופֿטערן. כ׳שרײַב וועגן דעם סײַ צו דײַן שוועסטער און סײַ צו דזשאַנעטן, אָבער כ׳האָב גאָרנישט געהערט וועגן דיר צי ס׳איז אפֿשר דאָ אַ מעגלעכקייט אין ניו-יאָרק? און אפֿשר גאָר אין בערקלי? (חנה קראָנפֿעלדן קען איך בכלל נישט. אויב דו ביסט אין גוטע באַציִונגען מיט איר, אפֿשר קענסטו בײַ איר אָנפֿרעגן נישט-אָפֿיציעל?).

און איצט וועגן תּוך-ענינים: דעם סעמעסטער לערן איך תּל-אָבֿיבֿ, און כ׳פֿיל נאָך אַ מאָל אַז דאָס ראַטעוועט מיך, אויב זיי וואָלטן מיר נישט באַצאָלט פֿאַרן לערנען וואָלט איך זיי געדאַרפֿט באַצאָלן.

פּונקט ווי מיט צוויי יאָר צוריק, אין דעם קורס וועגן שטעטל (וואָס וועט איבער אַ יאָר ווערן אַ סעמינאַר), האָב איך אין ״מבוא״ אַ פֿופֿציק סטודענטן! דרך-אַגבֿ, לויט די מאָסן פֿון תּל-אָבֿיבֿ איז עס נישט קיין סך. דאָרטן גיט מען אַרײַנפֿיר-קורסן אין העברעיִשער ליטעראַטור פֿאַר 100 סטודענטן, און פֿאַר 150 אויך. פֿיל איך צום ערשטן מאָל (אָדער צום צווייטן) אַז ס׳איז דאָ אַ ״מאַסן-עולם״, אין פֿאַרגלײַך מיט דער קליינער און אָפֿט מאָל נישטיקער צאָל סטודענטן אין ירושלים. דאָ אין ירושלים, דער זעלבער קורס, וואָס איז אויך אָפֿן פֿאַר סטודענטן פֿון אַנדערע אָפּטיילן, ציט נישט צו מער ווי אַ פֿופֿצן סטודענטן. בין אין מיט דעם צופֿרידן, און אין אַזאַ קורס פֿילט מען אויך אַ ביסל אַ שליחות.

ווײַטער אין דעם אַנדערן קורס, וועגן דער גרויסער שטאָט, אַ ״געוויינלעכער״ קורס לויט